בס"ד

# נקדישך

פ' ראה תשפ"ו לפ"ק

קרן תוספות יום טוב – שתיקה יפה בשעת התפלה

גליון תנ"ד

מרומם זיין
עבודת התפלה
וקדושת ביהמ"ד
מיט די "הייליגע
קבלה" נישט
צו רעדן ביים
דאווענען

**וּבְכֵן יִתְקַדַּשׁ שִׁמְךָ ה' אֱלֹקֵינוּ עַל יִשְׂרָאֵל עַמֶּךָ וְעַל מְכוֹנָךְ וְהֵיכָלָךְ:**

## כלל ישראל אַלוועלטליך איינגעהילט אין הייליגע התרגשות צום הילולא קדישא פונעם 'תוספות יום טוב' זי"ע, יום ד' תצא, ו' אלול הבעל"ט

רבבות בני ישראל שוין אנגעשלאסן אינעם היסטארישן "מיליאן קאמפיין" לחיזוק קדושת ביהמ"ד וכבוד התפלה, און שיקן א קוויטל צו ווערן אראפגעלייגט על ציון הקדוש ביומא דהילולא קדישא

'מיליאן קאמפיין' וועט ממשיך זיין אויך נאכן יומא דהילולא ביתר שאת ועוז

**וּזְכָר לָנוּ ה' אֱלֹקֵינוּ אַהֲבַת הַקַּדְמוֹנִים וּפָקְדֵנוּ בִּפְקֻדַּת יְשׁוּעָה וְרַחֲמִים**

## אידישע קינדער וועלן שפאלטן הימלען ביים "מעמד התעוררות ובקשת רחמים" אויפ'ן ציון הקדוש אין קראקא

א' מגדולי הרבנים שליט"א וועט אויפטרעטן מיט פלאַמפייערדיגע דברי התעוררות, און אנפירן מיט די סדר התפילות ופסוקי דרחמי אויסצו'פועל'ן כל מילי דמיטב

**צענטראלע סעודת הילולא וועט צוגעשטעלט ווערן דורך "קרן תוס' יו"ט" לכל הקהל הקודש, בהשתתפות גדולי הרבנים שליט"א וגבאי וקודש**

וועד הכנסת אורחים קראקא גרייט זיך אויפצונעמען הונדערטער אידן פון איבער דער גאָרער וועלט וועלכע ווערן ערווארטעט פוקד צו זיין דעם ציון המצויינת

**גרויסארטיגע "נסיעה גורל" וועט געצויגן ווערן; 60 גבאי קודש וועלן זוכה זיין מיטצוהאלטן דעם געהויבענעם נסיעה, אלס שליחי ציבור פון די פילע מקבלי הקבלה**

**ריי אויסנאַם ביליגע און קורצע נסיעות פון ניו יאָרק קיין פוילן מיטצוהאלטן דעם סעודת הילולא ומעמד בקשת רחמים**

אַראַנזשירט דורך "מעין סטריט טראוועל סענטער" פון מאנסי

**גבאים:** כאפט אריין די לעצטע שאנס אריינצוגיין אינעם גרויסארטיגן **נסיעה גורל!**

## כַּדָּבָר הָאָמוּר

פנינים ומרגליות על הפרשה בעניני תפלה

**כִּי אִם אֶל הַמָּקוֹם אֲשֶׁר יִבְחַר ה' אֱלֹקֵיכֶם וגו', לְשִׁכְנוֹ תִדְרְשׁוּ וגו'.**

**כ"י א"ם** איז ר"ת כ'אשר י"בא מ'לך א'דום. די תורה זאגט אונז, אז ווען 'מלכות אדום' וועט ליידער קומען, **אל המקום אשר יבחר ה' אלוקיכם**, ער וועט ארויפקומען קיין ירושלים, און חרוב מאכן דעם בית המקדש, **לשכנו תדרשו**, זאל מען אין די גלות-טעג ביי יעדע תפילה מתפלל זיין, און בעטן אויפן גלות השכינ"ה.

אבער כדי עס זאל זיין א תפילה בלב שלם, זאגט די תורה **ובאת שמה**, אז מען זאל זיך מצייר זיין אין מחשבה, כאילו מען איז אליין אנגעקומען קיין ירושלים, מען געפינט זיך יעצט ביים מקום המקדש, און מען זעט דעם חורבן ממש פאר די אויגן. **'והבאתם שמה עלתיכם וזבחיכם' וכו'**, דאן וועט מען זוכה זיין צו בנין ביהמ"ד במהרה בימינו. (אור פני משה)

## סוֹד שַׂרְפֵי קֹדֶשׁ

קדושת ביהמ"ד במשנתם של בעלי ההילולא

הרה"ק מהר"י מ'סאטמאר זצ"ל
כ"ו אב תשל"ט לפ"ק

רַע עָלַי הַמַּעֲשֶׂה מֵאֵלוּ הַמְּשִׂיחִים וּמְדַבְּרִים בְּבֵיהַמ"ד בִּשְׁעַת הַתְּפִלָּה וּקְרִיאַת הַתּוֹרָה, דִּלְשָׁעָה קַלָּה כָּזוּ לֹא יִתְּנוּ מָנוֹחַ לְפִיהֶם, וּבְזוֹהַ"ק הֶחֱמִירוּ מְאוֹד בְּעֹנֶשׁ זֶה רַ"ל.

(דברי יואל בראשית)

# הוא מושיענו

סיפורי ישועה מכלי ראשון בזכות הקבלה בקדושת התפילה

## „איך האב געענדיגט צאמנעמען א געוויסע סוגיא, און איך האָב - ווי מ'רופט עס - געדרוקט אַן אומריכטיג קנעפּל..."

**פאלגענד** איז א "פרישער סיפור" וואס א איד רופט אריין דערציילן, "די היינטיגע וואך", זונטאג פרשת ראה תשפ"ו לפ"ק, בשעת מיר גרייטן צו דעם גליון צום דרוק! מיר דרוקן עס אָפּ דברים כהווייתן.

*

איך האב געוואלט איבערגעבן א פערזענליכע מעשה וואס האט פאסירט היינט יום א' פרשת ראה תשפ"ו.

איך ווייס, אז געווענליך נעמט אביסל צייט ביז מענטשן רופן אריין מיט זייער איבערלעבעניש, אבער איך שפיר, אז וויבאלד איך בין אזוי איבערגענומען, וויל איך עס יעצט איבערגעבן כמו שהיא, נאך מיט דער גאַנצער פרישקייט!...

איך בין נאך א טראפּעלע צעשאָקלט, איך ווייס נישט פונקטליך וועלכע פרטים יא אריינצולייגן און וועלכע נישט. וועל איך אלזא איבערגעבן די מעשה אַזויווי ס'איז געווען, און איר קענט מחליט זיין וויאַזוי עס אראפּצושרייבן.

דער אויבערשטער האט מיר געגעבן די זכי', אז איך האב א שטיקל כשרון צו מחדש זיין חידושים און שרייבן ספרים. איך אַרבעט אויף א "לעפּטאפּ", וואס דארט שרייב איך שוין אפּאר יאר מיינע חידושים. עס ליגט אינעם לעפּטאפּ אוצרות מיט ספרים, הגהות, הערות, ציונים, אַרבעט פון יאָרן יאָרן! באמת אַ גאַנצער אוצר, ב"ה.

למעשה, ערגעצוואו פאָריגע וואָך פרייטאָג, האב איך געענדיגט צאמנעמען א געוויסע סוגיא, און איך האָב - ווי מ'רופט עס - געדרוקט אַן אומריכטיג קנעפּל...

ס'איז דא עפּעס אן אפּציע פון 'ריסטארטן די סיסטעם', איך האב דאס געדרוקט, און ס'האט געדארפט צו נעמען אפּאר מינוט אז ס'זאל זיך געבן א פריש אויף.

וואס ס'איז געשען ווייס איך נישט --- אָבער אפּאר מינוט שפּעטער זע איך אז ס'איז גארנישט דאָ מער!!!

**מיין הארץ האט פארפעלט א קלאפּ!**

**ס'איז אלעס פארלוירן געגאנגען! יארן פון יגיעה, מוטשעניש, עמל, חומר וואָס קען מהנה זיין אידישע קינדער, אלעס איז אַרויף, ניטאמאל מיט'ן רויך... נאר אפילו אָן קיין רויך! גארנישט! קיין זכר!**

אלעס איז צוריק צו די סעטינגס כתינוק שנולד... אזויווי א פרישע זאך וואס מ'קויפט אין סטאר, אן קיין שום אינפארמאציע.

ס'האט מיר שרעקליך וויי-געטון. איך האב געפילט ווי מיין גאנצער אוצר איז מיר חרוב געגאנגען.

**ס'ליגט אין דעם טעג און נעכט מיט פלאגעניש, מ'קען דאס נישט פארשטיין.**

אזויווי ס'איז אבער געווען פאר שבת, און איך האב גארנישט געקענט טון, האב איך זיך געשטארקט מיט אַלע כוחות, און מתפלל געווען צום רבוש"ע, הושיענו, טאַטע אין הימל העלף מיר! און אריינגעגאנגען אינעם שבת כאילו איך האב פארגעסן פון די גאנצע זאך

שבת איז געקומען און געגאנגען, און מ'שטיי מיר זונטאָג... דער ווייטאג הייבט נאכאמאל אן נאגן.

איינער האט מיר געזאגט אז ס'איז דא א טעכניק, וואס אויב גייט מען צו א פראפעסיאנאלן טעקנישן, האבן זיי די מעטאדן דאס צו קענען צוריקברענגען.

איך האב זיך נישט געפוילט, איך בין אראפּ אין געשעפט, און איך גיי צום טעקנישן. דער מומחה באטראכט עס, אבער נאך עטליכע מינוט גיבט ער א צי מיט דער פּלייצע... עס קוקט אויס ווי עס איז א פארלוירענע זאך זאגט ער; ער קען עס נישט צוריקברענגען!

איך האב נישט געוואלט אויפגעבן... בעסער געזאגט, איך האָב נישט געקענט הערן אז איך דארף אויפגעבן!

איך האָב זיך איינגעבעטן ביים טעכניקער ער זאל פּרובירן נאכאמאל. ער האט געזען ווי שטארק ס'גייט מיר אין לעבן, האט ער אלס רחמנות אויס פּרובירט נאכאמאל... ער קומט צוריק זאגן... לויט ווי ס'זעט אויס, האב איך איבערגעמאכט די גאנצע סיסטעם... אנטשולדיגט... אבער נישטא וואס צו טון!

אין מיין גרויס צעבראכנקייט קום איך צוריק אַהיים, און איך הייב אן אריינטראכטן וואס איך טו דא ווייטער.

ס'האט מיר אנגעהויבן פירן די מחשבה אז איך זאל מקבל זיין א

המשך אויף עמוד ז'

## אַדִּיר וְחָזָק

ציטוטים קצרים מספה"ק
על עוצם כחה של תפלה

### החלש יאמר גיבור אני לבוא בהיכל המלך

**כשהאדם** עומד לשפוך שיחו לפני ד', אז אם יעלה על לבבו לאמר, מי אנכי לגשת לפני הקב"ה, ויתבייש להתפלל בהתלהבות ולדבק עצמו בד', לא יוכל להתקרב לעבודת ד', וימנע עצמו מעבודת התפילה, ע"כ בגשתו להתפלל צריך לאמץ לבבו והחלש יאמר גיבור אני לבוא בהיכל המלך. (מאור ושמש בפרשתינו)

### המתפלל בלי כוונה ה"ז דומה לשיכור

**פעם** אחת דיבר הבן איש חי זצ"ל בענין עבודת התפילה בכוונה, וסיפר מעשה באדם שהשתכר, והלך ברחוב העיר, והנה הוא פוגש את שר העיר הרוכב על סוסו, ניגש השיכור אל השר, ושאלו בכמה תמכור לי הסוס, ענה השר, באלפים זהובים, אמר השיכור מסכים. השר המשיך לארמונו, והשיכור פנה לביתו. למחרת הלך השיכור לחנותו, ולפתע הבהילוהו אל ארמונו של השר. אמר לו השר, אתמול קנית ממני את הסוס באלפים זהובים, הסוס מוכן, הבא את הכסף וקח אותו. ענה האיש, אתמול כאשר קניתי את הסוס, לא הייתי לבדי, היה עמי שותף שעשה את העסקה, לכן אבקשך להמתין עד שאלך ואביאו. שאל השר מי היה השותף, אמר לו, השותף היה היין ששתיתי, והוא דיבר את הדברים מגרוני, כי לולי זה לא הייתי מסכים למחיר. צחק השר ופטרו לשלום.

והדברים אמורים עלינו ועל תפילתינו, עלינו לראות שבעמדינו בתפילה, נדע מה שאנו אומרים ומה מבקשים, בלי שום שותף המדבר מהגרון, ולא נהיה כאותו שיכור, שדיבר ולא ידע מה הוא אומר.

(ויאמר יהודה)

## וַיּוֹשִׁיעֵנוּ

ידיעות שונות ומטמוניות
נפלאות בנושא של תפלה

### גודל החשיבות של נתינת צדקה קודם התפילה

**איתא** בכתבי מרן האר"י ז"ל בפ' ראה, כשאדם עושה מצוה, נרשמה במצחו, וכשעושה אח"כ מצוה שניה, נבלעת הראשונה, ובאה השניה במקומה, משא"כ צדקה נשאר רישומה לעולם, בסוד וצדקתו עומדת לעד, וזהו שהזהירו חז"ל ליתן צדקה קודם התפילה, כהא דר' אלעזר יהיב פרוטה לעני והדר מצלי, ולמה דוקא קיים מצות צדקה, והטעם שאם יעשה מצוה אחרת, ואח"כ יתפלל, נבלעת מצוה הקודמת, והמלאכים אינן מכירין בה, ויבואו לקטרג על תפילתו, משא"כ צדקה נשארה ברישומה, וכל המקטריגים בראותם חותם המצוה, אינן יכולים לקטרג. (אגרא דפרקא, אות קנ"ד)

# אליין געהערט

אפטמאל ווען מען ליינט א מעשה איבער איינער וואס האט געזען א ישועה בדרך 'נס', ווערן מענטשן אננעמען אז ס'איז טאקע א מעשה שהיה... ווען מ'הערט אבער דעם סיפור פונעם בעל המעשה אליין, מ'הערט דאס התרגשות, און דאס עקסטאז מיט וועלכע יענער דערציילט עס, האט עס גאר אן אנדערע באדייט.

מיר שטייען קנאפע צוויי וואכן אפגעריקט פונעם יארצייט פונעם הייליגן **תוספות יו"ט** זי"ע, ו' אלול הבעל"ט, ווען מיר דא ברענגען עטליכע עפיזאדן וואס מיר האבן 'אליין געהערט', און אפילו מיטגעהאלטן מתחילתו ועד סופו.

לאמיר נאר מקדים זיין: ביי אונז אין ביהמ"ד איז איינגעפירט, אז פאר דער יאצ"ט פונעם הייליגן תוס' יו"ט זי"ע ארגאניזירן די עסקנים א **'ליל השליחות'** - דהיינו, אן אווענט וואס קומט פאר אין א זאַל, וואו ס'איז צוגעשטעלט א 'טועמיה' כראוי למסיבה של מצוה. אידן קומען אריבער נעמען קבלות, און שרייבן קוויטלעך וואס ווערן בסייעתא דשמיא געשיקט ווערן דורך א שליח מיוחד צום ציון פונעם הייליגן תוס' יו"ט ביומא דהילולא.

אלזא לאמיר אנהייבן מיט די ערשט-האנטיגע מעשיות:

א איד דערציילט: איך פלעג זיך נישט וועלן אונטערנעמען קיינע קבלות, ווייל איך האב געפילט אז איך וועל עס ממילא נישט קענען אויספירן. כ'האב געטראכט צו זיך, וואס פעלט אויס סתם צו נעמען קבלות?...

אין די וואכן-טעג פלעג איך כסדר אנקומען בערך פינף מינוט נאך 'ברכות', און שבת פלעג איך רוב וואכן אנקומען צו הערן 'ברכו...' פאריאר, פארן 'ליל השליחות', האט מען געשריבן פונעם הייליגן **חפץ חיים** זי"ע, אז ווען מ'נעמט אונטער א קבלה, איז דא א באזונדערע סייעתא דשמיא צו קענען מקיים זיין דאס וואס מ'האט מקבל געווען. האב איך מיר אונטערגענומען א קבלה ביז יום כיפור, און כ'האב צוגעשריבן א בקשה.

דעמאלס האב איך געזען, אז ביז כ'האב גענומען דעם קבלה, איז וויפיל כ'האב נאר געוואלט און פרובירט, האב איך עס נישט געקענט אויספירן למעשה. וואונדער איבער וואונדער, יעצט ווען כ'האב גענומען די קבלה, האב איך עס צום ערשטן מאל געקענט אויספירן! און ביז נאך שמחת תורה האב איך עס מקיים געווען כמעט הונדערט פראצענט! אינדערוואכן בין איך געווען ביי 'ברכות', און שבת ביי 'הודו'. אפילו אין די 'סליחות טעג' בין איך אנגעקומען אין צייט. אז איך זאל באווייזן אזא זאך, איז עס ממש ווי קריעת ים סוף!

איך מיין אז דאס איז שוין געווען מיין גרעסטע ישועה, אבער לאמיר יא צולייגן א שטיקל מופת. אינעם טאג פונעם תוספות יו"ט'ס יארצייט, האב איך באקומען א טעלעפאן רוף פון די סעקשאן 8 אפיס, וועלכע האבן מיר געמאלדן אז איך גיי באקומען סעקשאן 8! און דאס איז טאקע געווען איינע פון די בקשות וואס איך האב געשריבן בשעת'ן מקבל זיין. זיי האבן מיר געזאגט אז ס'איז געווען עפעס א טעות, זיי האבן שוין געהאלטן ביי צוויי מענטשן נאך מיר פון די ליסטע, און זיי האבן פארגעסן מיר צו רופן, אבער היינט האבן זיי זיך דערמאנט... דאס יאר האף איך אי"ה מקבל צו זיין די קבלה פאר א לענגערע צייט.

*

**א** צווייטער איד דערציילט בזה הלשון: איך פלעג קיינמאל נישט קומען צום 'ליל השליחות', ס'איז נישט מיין טיפ... למעשה, פאריאר האב איך געהאלטן פארן נעמען א געוויסע טעסט אויף א מקצוע אין מיין ביזנעס. אבער נישט סתם א טעסט, נאר דאס איז א טעסט וואס זעכציג פראצענט מענטשן פון די וואס נעמען דאס, פאלן אדורך! און טאמער מ'פאלט דורך, מוז מען אריינלייגן נאך הונדערט שעה חזרה...

איך בין געווען מורא'דיג נערוועז פון דעם. די עצם טעסט פאר זיך איז אויך גארנישט גרינג. מ'דארף זיצן צען שעה אין א שטוב, בקיצור, ס'איז געווען א מורא'דיגע פרעשור.

איך האב געטראכט: 'לאמיר זיך מחזק זיין עפעס אין תפילה', און איך האב טאקע גענומען א קבלה. ווי אינטערעסאנט ס'הערט זיך, די רגע וואס איך בין ארויסגעגאנגען פונעם 'ליל השליחות', האט מיר באנומען עפעס א סארט רואיגקייט, און א מורא'דיגע שלות הנפש האט מיר באגלייט.

ממש פארן נעמען דעם טעסט, האב איך געטראפן איינער פון די גבאים פון 'מורא מקדש', און יענער געבט מיר א זאג: "מאך עפעס אן אפגרעיט, א חיזוק".

האב איך אים געזאגט: "ווייסטו וואס? איך גיי עס טון", און איך האב צוגעלייגט נאך א נקודה צו מיין קבלה.

איך האב ב"ה געפעסט דעם טעסט, און איך בין דאס אינגאנצן תולה אינעם זכות התחזקות בתפילה!

*

**און** דא דערציילט א פרישער יונגערמאן א מעשה כעין זה:

איך האב געזוכט א נייע, ספעציפישע דזשאב, וואס מען טרעפט נישט אזוי גרינג, און איך האב באשלאסן ביים 'ליל השליחות' זיך מחזק צו זיין בעניני תפילה.

מיין דאווענען פלעגט נישט זיין אינגאנצן מיט מנין, איך פלעג אנקומען שפעט, אדער געגאנגען פרי, און ס'איז מיר געווען זייער שווער זיך אונטערצונעמען אזא זאך, אבער איך האב געוואוסט אז איך דארף יעצט אסאך הצלחה און סייעתא דשמיא.

יעצט הערט דעם נס: די קבלה האב איך געשריבן זונטאג, מיטוואך האב איך באקומען דעם אפפער, און דעם קומענדיגן מאנטאג בין איך שוין געווען ביים נייעם ארבעט! פלאי פלאים!

איך האב געזען ווי שנעל די ישועות קומען!

*

**"איך** מוז אייך דערציילן א מעשה", קומט דערציילן א מחותן, וואס האלט נאך אינמיטן שבע ברכות.

"איך דאווען אין א בית המדרש, וואו יעדן שבת נאך קריאת התורה, זאגט דער רב דעם 'מי שברך' פונעם תוס' יו"ט.

ס'איז שוין עטליכע יאר וואס כ'האב זיך שטארק געמוטשעט מיט מיין בחור'ל הי"ו, און איך האב אלעמאל געהאפט, אז בזכות פונעם תוס' יו"ט, וואס האט געבענטשט די אלע וואס היטן זיך פון רעדן ביים דאווענען און קריאת התורה זאל מיר ביישטיין, איך זאל נאך זען אידיש נחת פון מיין בחור'ל, און זוכה זיין אים צו פירן אונטערן חופה כדת משה וישראל.

"הודו לה' כי טוב", זאגט ער מיט א פולן מויל, מיין זון האט זיך ב"ה זייער שיין אוועקגעשטעלט, און איז א חתן געווארן למז"ט.

דער רב פון מיין בית המדרש, דערציילט ער ווייטער, איז געווען דער מסדר קידושין. בשעת'ן שרייבן די כתובה, האט ער זיך געיישוב'ט צי מ'זאל שרייבן ה' אדער ו' לחודש, ער האט מחליט געווען, אז היות עס קען זיך פארשלעפן אביסל, זאל מען בעסער אריינשרייבן ו' לחודש.

שטייענדיג אונטערן חופה איז מיר פלוצלינג געווארן קאלט און הייס.

ו' אלול!...

"שטייענדיג אונטערן חופה איז מיר פלוצלינג געווארן קאלט און הייס. ו' אלול!...."

יעצט טרעט מען דאך אריין אין דער יארצייט פונעם תוס' יו"ט, אן אפענער סימן מן השמים, אז די אלע יארן וואס כ'האב זיך געהיטן פון רעדן ביים דאווענען און קריה"ת, איז מיר צוניץ געקומען. נישט נאר דאס, נאר די כלה איז אן אייניקל פון דעם תוס' יו"ט...

תפלת יום שב"ק

# לְקֵל אֲשֶׁר שָׁבַת (ב)

## שבת נותנים לו!

**אין** סידור '**עיון תפילה**' ווערט געברענגט, אז עס זענען דא וועלכע מעקן אויס דאס ווארט 'לו', ווייל די ראשי תיבות פון 'ש'בח נ'ותנים כ'ל צ'בא מ'רום' איז שנכצ"ם - וואס דאס זענען די כוכבי לכת: שבתאי, נוגה, כוכב, צדק, מאדים, וועלכע זענען די פינף 'כוכבי לכת', אויסער די 'חמה' און 'לבנה', וואס דער פייטן האט שוין דערמאנט באזונדער.

דאס מיינט ער צו מרמז זיין, אז 'כל צבא מרום' - אלע כוכבי לכת לויבן און זינגען צום אויבערשטן, אינאיינעם מיט אלע צבא השמים.

*

## ויום השביעי משבח ואומר

'**דער** זיבעטער טאג לויבט און זאגט מזמור שיר ליום השבת טוב להודות לה''. דער 'אבודרהם' זאגט דא צוויי פשטים אין דעם. איין פירוש איז: '**כלומר שהשבת היא שאמרה זה המזמור, ודוד המלך ידע זה בדרך נבואה**' - דער שבת קודש אליין האט געזאגט דעם מזמור, דוד המלך האט עס געוואוסט בנבואה, און געשריבן דעם קאפיטל אין תהלים.

אדער - זאגט ער: '**או עשאו על שם שבת, כאלו היא מדברת ואומרת כך, וזהו שאמר ליום השבת כלומר כי הוא אמרו**' - אז דוד המלך האט אריינגלייגט די ווערטער ווי כאילו דער שבת אליין זינגט דאס, ווייל דאס איז דער רעיון וואס דער שבת קודש ברענגט ארויס.

*

## לפיכך יפארו ויברכו לקל כל יצוריו!

**עס** איז שוין געברענגט געווארן אין דעם מדור (פר' בשלח תשפ"ה, בהעלותך תשפ"ו) די באקאנטע מעשה פון די 'אוסטילא חתונה', ווען דער הייליגער **חידושי הרי"ם** האט געהערט די תורה פונעם **אפטער רב** זצ"ל איבער פשט אין דער נוסח התפילה.

אין **אוהב ישראל** (לשבת) ווערט טאקע געברענגט דער טייטש באריכות, על פי דעם באקאנטן יסוד בספרי חסידות, אז שבת ווערט נשפע באתערותא דלעילא א שפע רב אויף דער וועלט, אפילו מען איז נישט ראוי, און אפילו מ'האט נישט פארדעם געמאכט אן אתערותא דלתתא אויף דער וועלט.

אויף דעם שרייבט דער הייליגער אפטער רב: '**וזהו ויום השביעי משבח ואומר מזמור שיר ליום השבת כו' לפיכך יפארו. ולכאורה תיבת לפיכך אינו מובן. אך לדרכינו יבואר על נכון. כי כשהיום השביעי משבח ואומר, היינו שיום השביעי בעצמו בלי אתערותא דלתתא עושה התיקון והייחוד בהעולמות העליונים הק'. ובשביל זה בנקל הם יכולים כל יצוריו לפאר ליוצרם. כי אף מי שאינו בבחי' זו לשוב להתקשר ולהתייחד בבחי' עצמותו ית' בבחי' ייחוד כח הנפעל והפועל. מכל מקום ע"י סוד השבת ומעלתו הרמה שעולים אז כל העולמות בעצמם ומתייחדים בעצמותו ית'. יכול גם הוא לכלול עמהם לבטל א"ע ולייחד א"ע בעצמותו ית'.**'

*

## בתורתו פון הרה"ק הישמח ישראל זצ"ל

**ענליך** צו דעם שטייט כמה פעמים אין ספה"ק **ישמח ישראל**, ווי ער שרייבט אין פרשת ויצא (אות א): '**ולפי שיום השבת עצמו משבח בלא שום אתערותא דלתתא יכולים כל יצורי אפילו המרוחקים להודות ולהלל לפני ה'**".

און אין פרשת כי תשא (אות ג) זאגט דער **ישמח ישראל** פשט אינעם 'ויום השביעי משבח ואומר' - אז דער שבת איז 'משבח' - זי מאכט בעסער דעם איד, אז ער זאל קענען זינגען 'טוב להודות לה''! ווייל די קדושת השבת איז מזכך די איברים, אז זיי זאלן נישט גלוסטן צו קיין שום אנדערע זאך אויף דער וועלט, נאר צו טון דעם רצון ה'.

*

## תתברך מושיענו

**אין** ברכת היוצר פונדערוואכן זאגט מען 'תתברך ה' אלקינו על כל שבח מעשה ידיך', ווידעראום שבת זאגט מען 'תתברך מושיענו'. וואס איז פשט פון דעם חילוק? זאגט דער **ראב"ן** אין זיין סידור, אז דער ביאור איז זייער פשוט. וויבאלד שבת האט מען שוין פריער דערמאנט 'שמך ה' אלקינו יתקדש', דעריבער פעלט שוין נישט אויס נאכאמאל צו דערמאנען, נאר מ'זאגט אין קורצן 'תתברך מושיענו'.

אין **סידור ר' הירץ ש"ץ**, און ענליך צו דעם אין **סידור רבי שבתי סופר**, שטייט אן אנדערן ערקלערונג - אז 'תתברך מושיענו' גייט ארויף אויפן שבת קודש, וואס איז מתפלל פאר אידישע קינדער, און העלפט זיי פון זייערע צרות.

דער **נצי"ב** אין שו"ת **משיב דבר** (סי' יד) איז מסביר דעם חילוק, אז אינדערוואכן זאגט מען דעם פסוק 'מה רבו מעשיך ה' כולם בחכמה עשית', ווייל דאן האט דער באשעפער באשאפן די וועלט אין די ששת ימי בראשית, און דערויף זאגט מען 'תתברך ה' אלקינו על כל שבח מעשה ידיך' - אז די מעשי בראשית לויבן דעם אויבערשטן.

אבער שבת ווערט דאס בכלל נישט דערמאנט, ווייל דעמאלט איז דאך גארנישט באשאפן געווארן, נאר דער אויבערשטער האט גערוהט. דער שבח פון שבת איז נאך העכער ווי דער שבח וואס קומט ארויס דורך די חכמת וגדולת הטבע, ווי דער פסוק זאגט 'ומרומם על כל ברכה ותהלה'. ווייל דער שבח פון שבת איז איבער די השגחה פרטית וואס איז דא אויף כלל ישראל, מער פון די דרכי הטבע.

וזל"ק: '**אבל בשבת הפירוש... שיתברך יותר מאשר מעשי ידיו מברכים אותו ומשתבח מהם וברכה שהיא תוספת השפעה הוא בהנהגת העולם בהשגחה פרטית על ישראל. ואומרים שיותר מאשר ישתבח שמו ית' ממעשה ידיו מבריאת העולם בכללו, יתברך עוד יותר, מהשגחתו עלינו בפרטות למעלה מן הטבע וההשגחתו הנפלאה עלינו יתברך וישתבח ויתנשא שמו, ויודע שמו בגוים, ויעשו כולם אגודה אחת לעשות רצונו ולעבדו בלבב שלם. זה הברכה ותוספת ההשפעה אשר אנו מברכים שמו ית'. וכדי שנבין שינויי הכונה בזה המאמר קבעו הלשון תתברך מושיענו שבזה הפרט מיוחד השגחתו הנפלאה עלינו להושיע את שה פזורה ישראל, והקב"ה ברחמיו ובהשגחתו עלינו מושיענו.**'

## שבת זאל מען זיצן ביי 'קדוש קדוש' דוגמת המלאכים

**א**ין ספה"ק **סידורו של שבת** (בהקדמתו לח"ב) שטייט, אז שבת קודש זאל מען זאגן 'קדוש קדוש קדוש' ביי ברכת יוצר זיצנדיג, אזוי ווי די מלאכים, וואס זיי זאגן עס בישיבה, וויבאלד צוליב גרויס יראה און פחד האבן זיי נישט קיין כח צו שטיין. און כאטש אידישע קינדער זענען זוכה צו זאגן 'קדוש' אויך בעמידה, אבער צוליב די מעלת קדושת השבת, וואס איר קדושה איז אזוי גרויס, איז ראוי אז מ'זאל עס זאגן דוגמת המלאכים בישיבה.

אין ק"ק סקווירא, ווי אויך אין די חצרות שלשלת קאמארנא, איז דער מנהג צו שטיין אנהייב 'ברכת יוצר', און במשך די הייליגע פיוטים פון 'הכל יודוך', 'קל אדון', און 'לקל אשר שבת', אבער ווען מ'קומט צו די ווערטער פון 'תתברך' און ווייטער זעצט מען זיך אראפ, כדי צו זאגן 'קדושה' זיצנדיג, אזוי ווי די מלאכים (מבוא ועד צאתו).

# עַל יְדֵי צַדְקָךְ

סיפורי קודש בעניני "עבודת התפלה" אצל צדיקים הק' בעלי ההילולא

### תולדות צדיק

**הגה"ק** רבי **משולם פייש סג"ל לאווי** זי"ע, דער הייליגער טאהש'ער רבי, איז געבוירן געווארן אין יאר תרפ"א, צו זיין פאטער **הרה"צ רבי מרדכי** זצ"ל אין שטאט טאהש אין אונגארן.

אלס בחור האט ער געלערנט אין די ישיבה פונעם בעל **באר מנחם מקאלוב** זצ"ל. אויך האט ער מקבל געווען פון זיין גרויסן זיידע הרה"ק רבי **אלימלך מטאהש** זצ"ל, א זון פון דעם **שרף מטאהש** זצוק"ל.

אין יאר תשכ"ג האט ער אויפגעשטעלט זיין שטעטל 'קרית טאהש', וואו ער האט געפירט די עדה הקדושה ביז צו זיין פטירה כ"ז אב תשע"ה לפ"ק, זכותו יגן עלינו.

**עבודת התפילה**
אצל הרה"ק
**אדמו"ר מטאהש**
זיעועכי"א
נפטר כ"ז אב
תשע"ה לפ"ק

### עבודת עבודה

**דער** טאהש'ער רבי איז געווען באקאנט מיט די אויסטערלישע עבודת התפילה וואס ער האט אפגעראכטן מיט מסירת נפש ממש. יעדעס ווארט פון דאווענען האט ער ארויסגעזאגט מיטן גאנצן כח, און מיט א געוואלדיגע מתיקות. עס האט זיך נישט אנגעזען אויף אים קיין שום חילוק צווישן דעם ערשטן ווארט פון דאווענען, ביז דאס לעצטע, אלעס איז געווען מיט א התחדשות און מתיקות, ווי גלייך ער שעפט א פרישן חיות פון יעדעס ווארט. ווען ער האט ארויסגעזאגט א בקשה, איז עס געווען מיט תחנונים, ווי א קינד וואס בעט זיך ביים טאטן, און ווען ער האט ארויסגעזאגט עפעס א שבח והודאה, איז עס געווען מיט א מורא'דיגע שמחה וחדוה עילאה.

דער טאהש'ער רבי פלעגט אליין צוגיין צום עמוד צו אלע תפילות, און האט גדאווענט אין א בחינה פון 'ולואי שיתפלל אדם כל היום כולו', ווען תיכף נאכן ענדיגן שחרית אין א שפעטערדיגע שעה, האט מען זיך שוין געדארפט שטעלן מנחה, און דערנאך האט ער זיך געשטעלט אויסזאגן דעם ספר תהלים, זיצנדיג איינגעהילט לאנגע שעה'ן אין טלית ותפילין, וואס האט זיך געצויגן ביז שפעט ביינאכט, ווען ער האט צוגעטראטן צו דאווענען מעריב.

### רעדן צום אויבערשטן

**דער** רבי פלעגט אלעמאל רעדן צו זיין חסידים ותלמידים וויאזוי עס דארף אויסקוקן א דאווענען, און ער האט אויך ארומגערעדט אז מען זאל זיך זוגעוואוינען צו רעדן צום באשעפער, אפילו 'מאמע לשון'.

אמאל איידער אן אייניקל איז געגאנגען אונטער דער חופה, האט אים זקינו הק' געזאגט דברי הדרכה: "זאלסט זיך צוגעוואוינען צו רעדן צום אויבערשטן, וועט דיר גארנישט פעלן!"

דער רבי האט זיך אמאל אויסגעדרוקט: "דער באשעפער האט נישט קיין גבאים; מ'קען צו אים אייביג צוקומען. און ער פארשטייט אפילו פשוט אידיש אויך."

### התפשטות הגשמיות

**עס** דערציילן תלמידים, אז היות דער רבי פלעגט דאווענען זייער שפעט שחרית, זיך גרייטנדיג שעות ארוכות מיט א הכנה דרבה צום דאווענען, איז איינגעפירט געווארן א סדר אין ישיבה, אז יעדן טאג זאלן אנדערע ניין בחורים אויסווארטן, און דאווענען מיט זיין מנין.

ווען דער רבי האט זיך געשטעלט דאווענען מיט א התלהבות עצומה, פלעגט רינען פון אים שווייס אפילו אין די גרעסטע פרעסטן אינמיטן ווינטער, און מ'האט געדארפט אנצונדן דעם עירקאנדישן, אזש די בחורים האבן געדארפט גיין איינגעוויקלט אין מאנטלען צוליב די גרויסע קאנאדישע פרעסטן, אבער פונעם רבי'ן האט זיך געגאסן שווייס, ברענענדיג פארן גרויסן באשעפער. עס האט געקענט פאסירן אסאך מאל, אז דער רבי פלעגט זיך אויסדרייען ביים דאווענען, און ווייזן אז ער האט נישט קיין לופט, און געבעטן מ'זאל עפענען די פענסטערס.

די נאנטע מענטשן דערציילן, אז נאכן דאווענען, ווען דער רבי האט אויסגעטון זיין בעקטישע, איז דאס געווען דורכגעווייקט מיט שווייס פון זיין געוואלדיגע עבודה ביים דאווענען.

דאס תפילין לייגן איז געווען א מחזה הוד, ווען יעדן טאג האט דער רבי אנגעטון די תפילין מיט אזא חשק און פרישקייט, ווי גלייך ס'וואלט ווען געווען דאס ערשטע מאל וואס ער לייגט תפילין. פאר די בחורים וואס האבן דאס מיטגעהאלטן, איז דאס איינגעקריצט געווארן אין הארץ אויף שטענדיג.

ביי 'ואתה מושל בכל' פלעגט שוין שטיין א בחור גרייט מיט 26 פרוטות, וואס דער רבי פלעגט נעמען, און אריינלייגן אין דעם צדקה פושקע. שפעטער ביי 'קריאת שמע' ווען דער רבי האט געזאגט 'וראיתם אותו', פלעגט מען נאכאמאל קענען זען די לעכטיגע צורה, ווען דער רבי פלעגט זיך אויסדרייען צום פענסטער, און צו דעם שיין פונעם טאג האט דער רבי געקוקט אויף די ציצית.

### כבוד בית המדרש

**דער** רבי האט זייער שטארק מקפיד געווען נישט צו רעדן ביים דאווענען, און אויך אז דער עולם זאל ח"ו נישט רעדן ביים דאווענען. דער רבי אליין פלעגט אכטונג געבן אויף דעם, ווען אינמיטן חזרת הש"ץ פלעגט ער ארומשפאצירן אין בית המדרש, זיכער צו מאכן אז קיינער דערוואגט זיך נישט צו רעדן. ביים ליינען ווידער, וואס דער רבי פלעגט אליין ליינען, האט ער געקענט צורופן צו זיך איינער וואס האט געשמועסט, און אים מכבד זיין צו שטיין נעבן אים אויף דעם באלעמער ביי די גאנצע קריאת התורה.

ראש השנה בשנת תש"מ, איז א גרויסער עולם געקומען צו פארן צום רבי'ן קיין טאהש, און ביים דאווענען האט זיך געטון א שמועסריי. נאך מנחה ערב יו"ט, איז דער רבי ארויף אויפן באלעמער, ער האט אויסגעקלאפט און גוזאגט "איך האב קיינעם נישט גערופן, און איך דארף קיינעם נישט. אויב האלט איר ביים רעדן ווייטער, איך קען מיר ארייגיין אין מיין פריוואטע בית המדרש דארט דאווענען, און איר קענט ווייטער טון וואס איר ווילט". מיט די ווערטער איז דער רבי ארויס פון בית המדרש.

די גבאים זענען גלייך געקומען בעטן דעם רבי'ן ער זאל יא בלייבן אין ביהמ"ד, אבער דער רבי האט נישט איינגעשטימט, ביז ס'איז געשטעלט געווארן דורכ'ן רבי'ן 10 מענטשן, וואס זיי זאלן ארומגיין זיכער מאכן אז קיינער רעדט נישט ביים דאווענען, און דער רבי האט זיי געזאגט, אז נאכן דאווענען זאלן זיי ארייגיין דאווענען אין זיין קליינעם בית המדרש.

# מְשָׁרְתָיו שׁוֹאֲלִים

שו"ת בהלכות תפלה

ליינען קר"ש ביי קרבנות

**שאלה: אויב מען זעט, אז ווען דער ציבור וועט האלטן ביי 'קריאת שמע', וועט שוין זיין נאך סוף זמן קר"ש, און ער וויל דעריבער ליינען גאנץ קריאת שמע ביי קרבנות, אבער צוליב זיין געוואוינהייט, האט ער ממשיך געווען מיט זאגן 'אתה הוא עד שלא נברא', צי דארף ער נאכאמאל אנהייבן קריאת שמע?**

**תשובה:** ער דארף נישט אנהייבן קריאת שמע נאכאמאל, נאר דארט וואו ער דערמאנט זיך, זאל ער זאגן די פרשה פון 'והיה אם שמוע' און 'ויאמר'..

די שאלות ווערן געענטפערט דורך
הרה"ג ר' **נחום צבי מאיר ראזענפעלד** שליט"א
מו"ץ בשיכון סקווירא, ובעל הליכות החיים

איר קענט אנפרעגן א שאלה בעניני תפלה וקרה"ת
דורכן רופן דעם קרן תוי"ט האטליין און דרוקן 2#

הגה"צ רבי
עזריאל טויבער
זצ"ל
מח"ס פרקי מחשבה

# פאַרוואָס איז מיין תפילה נישט געענטפערט געוואָרן? (ב)

## צוויי סארטן תפילות

**ב**אך א יסוד אינעם ענין פון קבלת התפילות איז, אז כאטש קיין איין תפילה גייט נישט לאיבוד, מוז נישט זיין אז די תפילה וועט געענטפערט ווערן פונקט אויפן אופן וואס דער מתפלל האט געוואלט. נאכמער, די געטליכע שפע וואס די תפילה ברענגט, קען גיין צו א צווייטן, לויט די חשבונות שמים, ווי מיר האבן דערמאנט דעם משל פונעם 'צענטראלן סוויטש', וואס צינדט אן די לעקטער ביי טויזנטער מענטשן, אבער לאו דוקא פאר דער וואס צינדט עס אן.

מיט דעם וועלן מיר פארשטיין וואס חז"ל זאגן (תנחומא תולדות, פ"ט): 'מפני מה היו האמהות עקרות?' ווייל דער אויבערשטער איז מתאוה לתפילתן של צדיקים. יעקב אבינו האט געהאט צוויי ווייבער - רחל און לאה. ווען מיר זענען זיך מתבונן אין די פסוקים און אין חז"ל, זעען מיר אז לאה אמנו איז געהאלפן געווארן מיט סיי-וואס זי האט נאר געבעטן.

זי האט געבעטן נישט אריינצופאלן ביי עשו, און זי האט גע'פועל'ט. זי האט מתפלל געווען פאר קינדער, און זי איז געהאלפן געווארן. זי האט געבעטן אז זי זאל נישט געבוירן נאך א זון, און זי האט טאקע געבוירן דינה. מ'זעט ווי לאה אמנו רופט אירע קינדער מיט הודאה צום באשעפער, פארן איר אויסהערן און העלפן פון איר פיין. 'כי ראה ה' בעניי'; 'כי שמע ה' כי שנואה אנכי'; 'נתן אלקים שכרי'. זי בעט און ווערט געענטפערט.

דאקעגן, רחל אמנו האט געוויינט פאר יארן לאנג אויף קינדער, און נישט זוכה געווען. ענדליך האט זי שוין געהאט צוויי קינדער, און זי איז ליידער נפטר געווארן יונגערהייט. רחל וויינט נאך פאר אירע קינדער ביזן היינטיגן טאג, און איז נאכאלץ נישט געהאלפן געווארן; 'רחל מבכה על בניה, מאנה להנחם'.

דאס קומט אונז לערנען, אז עס זענען פאראן צוויי סארטן תפילות. איינער בעט און ווערט געהאלפן דירעקט אויף וואס מ'האט געבעטן, און דער צווייטער ברענגט מיט זיין תפילה שפע פאר די גאנצע וועלט.

*

## אין הימל ווארט מען אויף דיין תפילה

**אצינד** וועט מען אויך פארשטיין א מאמר חז"ל (ברכות לב:): 'אם ראה אדם שהתפלל ולא נענה יחזור ויתפלל' - אויב א מענטש זעט אז ער האט געבעטן און איז נישט געענטפערט געווארן, זאל ער ווייטער מתפלל זיין.

**דער פשט איז נישט, אז מ'דארף זיך איינ'עקשנ'ען און 'איינרייסן' ביז מען באקומט וואס מ'דארף, נאר דער אמת'ער באדייט איז, אז וויבאלד דער מענטש זעט אז זיין חסרון איז נאכנישט ערפילט געווארן, איז דאס א סימן פון הימל, אז מען וויל ער זאל ווייטער מתפלל זיין, און מ'איז אינטערעסירט אויבן אויף זיינע ווייטערדיגע תפילות פאר דעם ענין. ווייל זיינע תפילות זענען וויכטיג פאר די וועלט, און ברענגן א שפע פאר דער גאנצער וועלט.**

איינמאל ער זעט אז ער איז שוין יא געהאלפן געווארן אויף דעם ענין, דינט דאס יעצט אלס א סימן מן השמים, אז זיין תפקיד צו מתפלל זיין אויף דעם ענין איז שוין פארענדיגט געווארן.

*

## א קינדערלאזע פארפאלק מיט הונדערטער קינדער

**מיר** וועלן עס פארשטיין מיט דעם פאלגנדן משל: א פארפאלק וואס האט נאכנישט זוכה געווען צו זרע של קיימא, און זיי דאווענען אז דער אויבערשטער זאל זיי געבן קינדער. עס קען טאקע זיין, אז דערווייל האט זייער תפילה נאכנישט געהאלפן אז זיי פערזענליך זאלן געבוירן א קינד, צוליב די חשבונות פון הימל, אבער זייער תפילה האט געהאלפן, אז עס זאל קומען א שפע פון זרע של קיימא אויף דער וועלט. אסאך אנדערע פארפעלקער - וועלכע האבן אפילו נישט מתפלל געווען - האבן באקומען קינדער אדאנק די תפילות פון אט-די קינדערלאזע פארפאלק.

ווען עס וועט קומען אויף יענער וועלט, וואו עס איז דער אמת'ער נצחיות'דיגער לעבן, וועלן די אלע קינדער באטראכט ווערן ווי זייערע קינדער. ווידעראום אן אנדערער פארפאלק וועלכע האבן געהאט פופצן קינדער וועלן ארויפקומען אויפן עולם האמת, און עס וועט זיי נתברר ווערן, אז בלויז צען פון זייערע קינדער זענען זייערס... ווייל אויף די איבריגע האבן זיי נישט געבעטן.

„ווען די קינדערלאזע פארפאלק וועלן ארויפקומען אויפן עולם האמת, וועלן זיי זיך טרעפן מיט זייערע צענדליגער קינדער און הונדערטער אייניקלעך..."

דער הסבר דערפאר איז, ווייל כאטש זיי האבן נישט מתפלל געווען, איז געקומען צו זיי די שפע אדאנק די תפילה פון א צווייטער פארפאלק. יענע קינדערלאזע פארפאלק וועלכע האבן נישט אויפגעהערט צו בעטן און מתפלל זיין, האבן אראפגעברענגט א שפע פון קינדער אויף דער וועלט.

קומט אויס, אז ווען די קינדערלאזע פארפאלק וועלן ארויפקומען אויפן עולם האמת, וועלן זיי זיך טרעפן מיט זייערע צענדליגער קינדער און הונדערטער אייניקלעך, וואס זייער תפילות האבן אראפגעברענגט אויף דער וועלט.

*

## ילך אצל חכם ויתפלל

**די** גמרא זאגט (בבא בתרא קטז.): **'כל שיש לו חולה בתוך ביתו, ילך אצל חכם ויבקש עליו רחמים'** - דער וואס האט ח"ו א חולה בתוך ביתו, זאל גיין צו א חכם ער זאל בעטן אויף אים רחמים.

אז מען וועט מדקדק זיין אין די ווערטער וועט מען זען, אז עס שטייט נישט 'ער זאל גיין צו א חכם, און ער וועט מאכן א מופת, און אים פועל'ן א ישועה'. עס שטייט 'ויבקש עליו רחמים'.

דאס הייסט, דאס גיין צו א חכם, איז נישט די מטרה אז דער צדיק זאל כביכול איבעררעדן דעם רבוש"ע צו טוישן זיין פלאן. נאר ער זאל גיין צום חכם, כדי דער חכם זאל מתפלל זיין. פארוואס? ווייל דער אויבערשטער איז מתאוה צו די תפילה פון צדיקים, און אויב זעט איינער אז ער האט א צרה, איז דאס א רמז פון הימל, אז דער אויבערשטער וויל יעצט הערן די תפילה פון צדיקים.

קומט אויס, אז ווען א איד האט ח"ו א חולה בתוך ביתו, איז יעצט ארויפגעלייגט געווארן אויף אים אן אויפגאבע. ערשטנס דארף ער אליין מתפלל זיין. ער דארף זיך מקשר זיין צום אויבערשטן דורך תפילה, און ער זאל פארשטיין אז אלעס וואס עס פאסירט איז

# מַשְׁמִיעִים קול

מגידים מפורסמים משמיעים קול בגודל כח התפלה וסגולתה

המשך פון עמוד ו'

פון אים, וואס ער איז דער 'עשה ועושה ויעשה לכל המעשים'.

און דאן, אויב איז דער רצון ה' אז זיין תפילה זאל אויפטון אויף א דירעקטן אופן, וועט ער בעז"ה געהאלפן ווערן. און אויב דער רצון ה' איז, אז זיין תפילה זאל אויפטון פארן כלל, וועט דאס ברענגען שפע און ברכה פאר דער גאנצער וועלט.

צווייטנס, דארף ער גיין צו א חכם ער זאל מתפלל זיין, ווייל דער אויבערשטער וויל אז צדיקים זאלן מתפלל זיין צו אים. ס'איז מעגליך אז וועגן דעם האט דער באשעפער געשיקט דעם חולי צו דעם איד, כדי ער זאל גיין צום חכם. און אויך דא מוז נישט זיין אז די תפילה וועט העלפן דירעקט פאר דעם איד. עס קען זיין אז דער באשעפער וויל יעצט משפיע זיין רפואה אויף דער וועלט, אבער ס'איז נישט דא ווער ס'זאל בעטן, און אן תפילה קומט נישט אראפ קיין שפע, וועגן דעם האט ער געמאכט אז דער איד זאל קראנק ווערן רח"ל, כדי ער זאל גיין צום חכם, וואס דער חכם זאל מתפלל זיין, און אזוי וועט קענען אראפקומען רפואה פאר דער גאנצער וועלט.

ממילא, פארשטייט א איד אייביג, אז זיין תפקיד איז אנצונעמען וואס דער אויבערשטער טוט מיט אהבה און תמימות, און אין דער זעלבער צייט מקיים זיין דעם רצון ה' דורך די עבודה פון תפילה, און דאס איבריגע לאזן פארן רבוש"ע צו טון ווי ער פארשטייט, מיט א בטחון אז ער טוט דאס בעסטע פאר אונז, פאר אונזער אייביגער תכלית, לעולם הבא ולתחיית המתים.

# הוּא מוֹשִׁיעֵנוּ

סיפורי ישועה מכלי ראשון בזכות הקבלה בקדושת התפלה

המשך פון עמוד ב'

קבלה טובה, ובזכות זה וועט דער אויבערשטער העלפן אז ס'זאל אלעס צוריקקומען. ס'איז דאך אלעס געווען תורה, ענייני תורה, רוחניות.

וואָספארא קבלה? איך גיי נישט רעדן בשעת'ן דאווענען!

איך האב אראפגעשריבן 'בכתב', אז איך בין זיך מקבל פאר פערציג טעג נישט צו רעדן בשעת'ן דאווענען. איך האב אויך צוגעלייגט, אז איך בין זיך מקבל בל"נ "נישט ארייננצוקוקן אין קיין גליונות, און נישט אין קיין ספרים" בשעת'ן דאווענען.

דאַן האב איך א דרוק געגעבן דעם זעלבן קנעפל, געווי די באַטן וואס איך האב געדרוקט פרייטאג, און ס'האט דעמאלס נישט געפירט אין ערגעץ...

ס'נעמט אפאר מינוט פארן קאמפיוטער זיך אנצוצינדן, און איך האב זיך דערוויל וועקגעזעצט זאגן תהלים מיט גרויס כוונה. איך האב געבעטן דעם רבוש"ע, למען לא ניגע לריק, מיינע חידושים זאלן באיזה אופן געראטעוועט ווערן.

איך האב זיך אויסגעוויינט ביים תהלים'ל, מיט עטליכע קאפיטלעך, דערנאך האב איך גענומען דעם 'כתב קבלה', עס ארייננגעשטעלט אינעם תהלים'ל אַריין, און געשפירט אַז 'איך האב זיכער גע'פועל'ט!'

סמוך ובטוח לבי, מאך איך צו דעם תהלים, איך געב א קוש, און איך גיי קוקן צום קאמפיוטער זען וואו די זאך האלט.

**היא נפלאת בעינינו!!!**

**איך שטיי און שטוין!**

**אלעס איז צוריק כאילו לא היה!**

**אזוייו ס'וואלט גארנישט געשען!**

אלע 'פיילס', אלע חידושים, אלעס איז במקומם, ווי דא וואלט קיינמאל גארנישט פאסירט!

אלעס איז צוריק אויף הונדערט פראצענט!

כ'ווייס נישט וואָס, כ'ווייס נישט וויאזוי. דער טעכניקער האָט געצויגן מיט די פלייצעס. אָבער בזכות הקבלה איז מיר אלעס אריינגעקומען צוריק ממש בדרך נס!

לולא ראיתי לא האמנתי, דאס איז איינמאל זיכער, אז דער זכות פארוואס איך האב זיך אונטערגענומען די הייליגע קבלה איז אייך צו פארדאנקען.

**אלזא, ישר כחכם, וחילכם לאורייתא!**

# זֶה לָזֶה

מכתבים • הערות • והארות

## המקבלים פעמים באהבה

**איך** בין זייער ערשטוינט פון ענקער גליון נקדישך, ס'געבט מיר מורא'דיג שטארק חיזוק.

איך האב געהאט גענומען א קבלה נאָך פאר חודש אדר, לזכות מיין ברודער זאל ווערן א חתן.

ער איז געווארן א חתן ר"ח אדר, איך האב עס אריינגעלייגט אינעם גליון, און איך האב גענומען פון דעם זייער א גרויסער חיזוק, אז איך האב געזען אז ס'העלפט.

אָנהויב דעם זומער זמן האב איך אנגעהויבן מיט א פרישקייט, לזכות אז מיין קרוב זאל ווערן א חתן, דאס איז געווען פרשת בהר-בחקותי, ער איז שוין געווען פיר און צוואנציג יאר, און איך האב מיך עס אונטערגענומען מיט די שטערקסטע גדרים.

די קומענדיגע וואך איז ער געווארן א חתן!!!




ביי די פיר-און-צוואנציג!!! איך האב נישט געקענט גלייבן וואס גייט דא פאר.

ס'איז נישט משיג צו זיין ווי איינס נאכן צווייטן האָב איך זוכה געווען צו זען אזעלכע ישועות. איך פיל אזוי בשמחה אז איך האב דאס געקענט טון.

*

## כי ביתי - בזכות בית תפילה

**איך** וויל איבערלאזן א מעשה.

איך האב זיך אונטערגענומען א קבלה פאר פערציג טעג, לזכות אַז מיין טאטע זאל טרעפן א נייע הויז, ווייל מיר האבן זייער וויכטיג געדארפט מופן.

מ'האלט יעצט נאך די פערציג טעג, און מיין טאטע האט ב"ה געטראפן א נייע הויז!

מ'האט נאכנישט געמופט, אבער די ליעס איז שוין אונטערגעשריבן, און דער אויבערשטער זאל העלפן אז ס'זאל זיין בקרוב אַ גוטער ישוב, מיט אלע השפעות טובות.

איך האב זיך אונטערגענומען עס מפרסם צו זיין, אויב מ'קען עס ארייינלייגן, וועט עס זיין אַ דבר גדול למאוד - א גרויסן יישר"כ!

# לעצטע געלעגנהייט!

## גבאי בתי מדרשים
## העומדים על משמרת בית ה'

**נעמט אויף אייך אַריינצוברענגען קבלות לרומם קרן התפילה**

**און גייט אריין אינעם גורל מיטצוהאלטן**

60 געווינער

# א געהויבענע הייליגע נסיעה קיין קראָקאָ

**צום יארצייט פונעם תוספות יו"ט זי"ע, ו' אלול הבעל"ט**

באשטעלט אייער 'ביהמ"ד גבאי פעקעדזש'
ביז דינסטאָג פר' שופטים, דער גורל וועט אי"ה
פארקומען ה' שופטים, והזריז נשכר!

**אויב האָט איר זיך שוין איינגעשריבן און נישט ערהאלטן קיין פעקעדזש, ביטע קאנטאקט אונז נאכאמאל, און מיר וועלן שיקן דעם פעקעדזש**

**איז אין אייער ביהמ"ד נאכנישט געווען קיין קאמפיין? זייט איר דעם גבאי! און זייט א גליקליכער געווינער!**

די דאטום פונעם גראנדיעזן 'מיליאן דאלער גורל'
וועט אי"ה בקרוב געמאלדן ווערן

צו באשטעלן א פעקעדזש ביטע זיך פארבינדן דורך Million@ktyt.org




מי שברך שחיבר מרן בעל תוס' יו"ט זיע"א

**מִי שֶׁבֵּרַךְ** אֲבוֹתֵינוּ אַבְרָהָם יִצְחָק וְיַעֲקֹב מֹשֶׁה וְאַהֲרֹן דָּוִד וּשְׁלֹמֹה, הוּא יְבָרֵךְ הַשּׁוֹמֵר פִּיו וּלְשׁוֹנוֹ מִלְּהַפְסִיק בְּשׁוּם דִּיבּוּר. מִן בָּרוּךְ שֶׁאָמַר עַד גְּמַר הַתְּפִלָּה וּבִשְׁעַת קְרִיאַת סֵפֶר תּוֹרָה שֶׁבְּצִיבּוּר: אֲפִילוּ בְּדִבְרֵי תוֹרָה וְאֵיזֶה דִיבּוּר כָּל שֶׁכֵּן בְּשִׂיחַת חוּלִין וְסִיפּוּרֵי שְׁמוּעוֹת. וְיָחוּלוּ עָלָיו כָּל הַבְּרָכוֹת הַכְּתוּבוֹת בְּתוֹרַת מֹשֶׁה רַבֵּינוּ עָלָיו הַשָּׁלוֹם וּבְכָל סִפְרֵי הַנְּבוּאוֹת: יִרְאֶה זֶרַע כָּשֵׁר חַיִּים וְקַיָּמִים. וְיִזְכֶּה לִשְׁנֵי שׁוּלְחָנוֹת שֶׁבִּשְׁנֵי עוֹלָמִים: שֶׁהֵם הָעוֹלָם הַזֶּה שֶׁעָלָיו נֶאֱמַר וְהִנֵּה טוֹב. וְהָעוֹלָם הַבָּא

**KEREN TOSFES YOM TOV**
670 Myrtle Ave #6449
Brooklyn NY 11205
Tel: 212.299.9185
Fax: 212.244.6551
Email: Gilyon@KTYT.org